רשימות

# דברות קודש

ל"ג בעומר

ה'תשפ"א

זה השער לד'
צדיקים יבואו בו

רשימות

# דברות קודש

שהשמיע

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
## ממונקאטש

**בליל ל"ג בעומר שנת ה'תשפ"א**

אחר תפלת מעריב - בבית מדרשינו הגדול

**לאור האסון הנורא באתרא קדישא מירון**

ברוקלין, נוא יארק
חודש אייר ה'תשפ"א

# רשימות
# דברות קודש

## ל"ג בעומר
## תשפ"א

יוצא לאור על ידי:
**הוצאת אמת**
אור **ת**ורה **מ**ונקאטש
מכון להו"ל ולהפיץ
ספרי רבותינו הקדושים

Published By:
**Emes Publishing Inst.**
Ohr Torah Munkacs
P.O.B. 393
Brooklyn, New York 11219
**T**: 347.408.5208
**F**: 718.504.3526
**W**: www.minkatch.org
**E**: EmesOnline@gmail.com

כל הזכיות שמורות ל:
**הוצאת אמת**

**Copyrighted © 2021 by:**
**Emes Publishing Inst.**
**All rights reserved to publisher**
**The entire text has been newly edited designed and set.**
**No part of this book may be reproduced in any form, including information storage or retrieval, in whole or in part, without written permission**

# ל"ג בעומר ה'תשפ"א

## לאור האסון הנורא באתרא קדישא מירון

**מורי** ורבותי!

**אוי** לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר. לעולם וואלט געווען א שטיקל פליאה, פארוואס מען האט מחליט געווען, מבטל זיין די גרויסע סעודה פון ל"ג בעומר, לכבוד די הייליגע הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי. דאס איז דאך נישט סתם א סעודה, נאר א גרויסער עת רצון. ווער ווייסט וויפיל אידן ווערן געהאלפן בשעת א מנין אידן זיצן צוזאמען, און מען זינגט די שבחים פון רבי שמעון בן יוחאי. כל שכן ווען עס איז "ברוב עם הדרת מלך".

**אבער** יעדער ווייסט דאך פון די טראגעדיע וואס איז געשעהן אין ארץ ישראל, אין מירון. קיין נחמה דערויף איז נישט דא. מיר האבן נישט ווער עס זאל ביי דעם קענען זאגען טרייסט ווערטער. אידישע קינדער, חסידי'שע קינדער, ערליכע קינדער, געפארן שעה'ן אנצוקומען קיין אתרא קדישא מירון, ארייגגיין אפאר מינוט זיך אויסוויינען דאס הארץ, און נאכדעם זיך משמח זיין לכבוד האי תנא קדישא רבי שמעון בן יוחאי. ליידער איז געשעהן וואס איז געשעהן. איך קען דאס אפילו נישט בפה ארויסזאגען.

**ברויך** מען דאך נישט קיין "טיש" פירן, נאר נחלי דמעות וואלט מען געברויכט צו פארגיסן - אז דאס האט געקענט געשעהן. איך ווייס (די

חזקה איז אזוי), אז לאחר המעשה וועט מען הערן: דער גדול האט געזאגט אז וועגן דעם חטא איז עס געשעהן, אן אנדערער וועט זאגען צוליב אן אנדערער חטא, דער דריטע וועט זאגען וועגן דעם און וועגן יענעם. איך ווייס אבער נישט. איך האב נישט קיין השגה אין וועלכע ענין מען האט געקענט אזוי זינדיגען. אנדערע זענען אפשר גרעסערע פון מיר. אפשר איז אלעס אמת וואס זיי וועלן זאגען, און אפשר איז אלעס גארנישט, הכל הבל, איך ווייס נישט. איך ווייס נאר, עס איז זייער ביטער.

**לענינינו**, איז דא א רמב"ן (עיין שער הגמול) וואס זאגט אויפן פסוק (תהלים צב, טז) "להגיד כי ישר ד' צורי ולא עולתה בו". דער אויבערשטער טוט נאר ישר וצדק, אבער דערצו איז "ולא עולתה בו", אין איהם איז נישט דא קיין שום עולה.

**למשל**, נישט דא געזאגט, געוועגליך ווען עס ווערט נפטר איינער, האט עס א חשבון ביים בית דין של מעלה, פארוואס מען האט איהם דאס געטוהן. פארשטייט זיך, אז מיר זענען אידן וואס גלייבן אז מה דעביד רחמנא לטב עביד, און עס איז איהם בעסער יעצט אין גן עדן. מען טוט זיך טרייסטן. דער אויבערשטער הייסט דאך אזוי "נחמו נחמו עמי". דער אויבערשטער וויל נישט מען זאל בלייבן באבילות, אידן קומען מנחם זיין, און מען איז מנחם ווי אזוי מען קען.

**הא** תינח, דער מענטש אליינס – וואס איהם האט לא עלינו געטראפן דעם אומגליק. אבער עס ליידט דאך אויך דאס ווייב - וואס איז ל"ע געווארן אן אלמנה, קינדער - וועלכע בלייבן יתומים. יעדער גוטער פריינד טוט וויינען בדמעות ביים הספד, ביים ניחום אבלים. קרובים ורחוקים. וואס זענען זיי שולדיג? פארוואס קומט זיי אזא צער און ווייטאג?

**זאגט** דער רמב"ן "ולא עולתה בו". דער אויבערשטער רעכנט אויס פונקטליך, ביי יעדע געשעהניש, אז עס זאל געשעהן נאר אויב יעדער מענטש וואס עס וועט איהם ווי טוהן אט די זאך, איז אויך עפעס שולדיג. עס איז נישט שייך צו זאגען אז דער אויבערשטער האט געטוהן אן עונש פאר איינעם, און די

אנדערע וואס זענען אנגעווייטאגט האבן גארנישט צוטוהן דערמיט, זיי זענען גארנישט שולדיג, נאר עס איז בלויז א טבע אז קרובים און ידידים ווערן פארווייטאגט פון די צרה. עס איז נישט אזוי! דער אויבערשטער גיבט נישט קיין שום שטראף, ביז ער רעכנט אויס, צי די אלע וואס ווערן ווי געטוהן ווערן דורך דעם אומגליק, קומט זיי אויך דעם ווייטאג. דער אויבערשטער ברענגט א צרה, נאר דעמאלטס ווען עס איז אויסגעהאלטן מיט יעדע מענטש וואס האט נאר א שייכות דערצו. יעדער איינער וואס עס וועט איהם ווי טוהן, איז ער אליין אויך שולדיג, ער האט עפעס וואס מתקן צו זיין (עיין אגרא דפרקא אות קיד. אגרא דכלה פרשת אחרי ד"ה ר' ברכיה).

**צו** זיין צווישן די וואס ווערן יעצט רעכענען פארוואס דאס איז געשעהן? נישט איך קען, נישט איך ווייס, נישט איך פארשטיי. "למוד לשונך לומר איני יודע" (ברכות ד, א). איך ווייס נישט. אמת, איך גלייב זיי זענען אלע אוועק מיט א מיתת נשיקה! פון ווי נעם איך עס? ווייל עס איז דא א מפורש'דיגע זוהר הקדוש (פרשת ויחי ריח, א) אז דער מלאך המות איז נישט שכיח באתרא דרבי שמעון! דער מלאך המות האט דארט נישט קיין שליטה. אויב אזוי, איז דאך די קשיא פשוט, מען זעהט דאך מיט די אויגען... דער תירוץ איז, אז מסתמא איז דאס נישט געווען דורכ'ן מלאך המות. אזוי מוז מען זאגען.

**אבער** ענינא דשמיא, דאס איז נישט אונזער ענין. מען ברויך צו רעכענען דעם "ולא עולתה בו". איך גלייב נישט אז עס איז דא צווישן אונז איין איד, וואס איז נישט אנגעווייטאגט געווארן בשעת'ן הערן די בשורה. דערפאר, יעדער איינער, וואס שפירט נאר סיי וועלכע ווייטאג פון אט די טראגעדיע, דארף געדענקן, אז ער איז אויך עפעס שולדיג. וואס ער דארף מתקן זיין, ווייס איך נישט. אבער איך ווייס, אז אויב ער האט געהערט די בשורה און עס טוט איהם ווי, קען דאס נישט זיין במציאות, סיידן אז ער האט אליינס חוטא געווען, צי בנגלה צי בנסתר, און ער האט אויף וואס תשובה צו טוהן.

**איך** בין נישט קיין נביא, איך בין נישט קיין יודע נסתרות. אבער "לב יודע מרת נפשו" (משלי יד, י). יעדער ווייסט ביי זיך אין הארץ, פונקטליך וואס ער זינדיגט. בפרט דאס וואס ער זינדיגט נאכאמאל און נאכאמאל. אפשר איז דאס דער רצון פון אויבערשטן, אז ער האט געטוהן אזא פחד׳יגע זאך, כדי מען זאל זיך מאכן א חשבון הנפש: אויב איך האב עס געהערט, איז אלס "ולא עולתה בו" קומט זיך מיר אויך אן עונש, ממילא אפשר איז שוין צייט תשובה צו טוהן.

**וואס** קען זיין גרעסער ווי די יעצטיגע פחד, אז קינדער פארן אויף ל״ג בעומר קיין מירון, און נעבאך דארט על מקום קדוש אויסגיין, און אזוי ווי נדב ואביהו: "בקרבי אקדש ועל פני כל העם אכבד, וידם אהרן" (ויקרא י, ב-ג). עס איז נישט דא וואס צו זאגען, און איך האב נישט וואס צו זאגען. איך האב נאר צוזאמגערופן דעם עולם צו דערמאנען, אז עס איז א זמן פון הרהור תשובה!

**מען** ווייסט דאך, אז "אין ישראל נגאלים אלא בתשובה" און ווי נאר מען טוט תשובה "מיד הן נגאלין" (רמב״ם הלכות תשובה פ״ז ה״ה). און דאס וואס עס דויערט אזויפיל יארן, און מען איז נאך אלץ נישט אויסגעלייזט, זעהט אויס ווייל מען האט נאך אלץ נישט יוצא געווען די תשובה.

**עס** שטייט דאך אין הלכה (עיין באר היטב אורח חיים סימן תצג ס״ק ד בשם שער הכוונות), און אין זוהר שטייט (עיין ח״ג רצו, א באדרא זוטא), אז רבי שמעון בן יוחאי האט אן הקפדה ווער עס וויינט ביומא דהילולא דיליה. דערפאר איז נישט קיין עת מספיד צו זיין, און צו מוריד דמעות זיין, נאר די צרה בלייבט א ווייטאג אין הארץ, ווייל רבי שמעון בן יוחאי איז מקפיד ווער עס שטערט זיין שמחה - ביומא דהילולא דיליה. איז נייע הקפדות זוכט מען דאך זיכער נישט.

**עס** זאל אבער נישט זיין קיין פלא, אז מען זאל זיין אנגעווייטאגט אבער וויינען זאל מען נישט קענען. ווייל אזוי זעהט מען שוין ביי די הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי אליינס, ביום הסתלקותו. ווער קוקט דען נישט אין זוהר

הקדוש פאר ל"ג בעומר, און דארט זעהט מען (עיין שם באדרא זוטא), אז ביום וואס רבי שמעון בן יוחאי איז נסתלק געווארן, איז כאטש וואס די חברים פון די הייליגע חבורה זענען געווען געפערליך אנגעווייטאגט אז זיי האבן פארלוירן רבי שמעון, האט אבער קיינער נישט געקענט גלייך וויינען. "קם רבי אלעזר בריה, ונטיל ידוי ונשיק לון", און רבי אבא דערציילט אויף זיך "ואנא לחיכנא עפרא דתחות רגלוי. בעו חברייא למבכי, ולא יכילו למללא". נאר שפעטער האבן זיי געוויינט.

**ביי** די פטירה פון רבי שמעון בן יוחאי איז געווען אזא אור, א ליכטיגקייט, אז זיי האבן צום ערשט ניטאמאל געקענט זעהן אויב עס איז שוין געווען יצאה נשמתו. מען האט נישט געקענט גלייך וויינען ביי זיין גרויסע אבידה. אבער דער אויבערשטער האט געטוהן א חסד, אז ער האט אנגענומען די יגון שבלב, אזוי ווי מען וואלט מוריד דמעות געווען על אדם כשר - אויפן הייליגען תנא רבי שמעון בן יוחאי. ווייל ווען מען קען נישט וויינען, נעמט דער אויבערשטער אן דעם הגיון לבי, דאס וואס עס טוט וויי אין הארץ.

**ממילא** איז דאך נישט קיין וואונדער, ווי אזוי עס קען זיין, אז יארן שפעטער, היינט ווען מען וואלט געדארפט מרעיש עולמות זיין, וויינען אן א סוף, מוז עס אבער בלייבן א יגון בלב. "מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי" (ירמיה ח, כג) — די הייליגע נשמות פון יונגעלייט, בחורים און קינדער תלמידים אין ישיבות. מען ווייסט ניטאמאל די מספר נאך. פון שעה צו שעה וואקסט עס. אפילו איין איד איז דאך אזוי ווי טויזענט. און דאס איז נישט סתם אידן, נאר אידן וואס זענען געפארן צום הייליגען רבי שמעון בן יוחאי, מען זאל קענען טאנצן "לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי". עס איז געשעהן וואס איז געשעהן, אבער מוריד דמעות קענען מיר נישט, אלס קדושת היום.

**מוריד** דמעות זיין איז דאך א גרויסע זאך, נישט נאר פאר זיך — פאר דעם מענטש אליינס וואס איז בצער יגון ואנחה, נאר אויך פאר דעם נפטר. ווי דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט געזאגט ווען ער האט מספיד געווען זיין שווער דער הייליגער רבי יעקב משה מקאמארנא זי"ע, אז ווען עס גייט אוועק א צדיק, אן ערליכער איד, ווערט עס אנגערופן א קרבן פונעם דור

פארן אויבערשטן (עיין תפארת בנים פרשת פנחס ד"ה צו את בני ישראל). יעדער קרבן דארף דאך אויך האבן נסכים, די טרערן וואס אידן גיסן אויף די אבידה, דאס זענען די נסכים פארן קרבן!

**יעדער** וואס שטייט ביי א לויה, און עס טוט איהם וויי ביים הערן דברי הספד, און ער וויינט, ער מיינט אז דאס איז נאר ווייל ער הערט טרויעריגע זאכן, אבער ער ווייסט נישט אייביג, אז די טרערן זענען נסכים וואס מען איז מקריב אויפן מזבח של מעלה.

**יעדער** וויל אוודאי טוהן פאר די הייליגע קרבנות, אבער צו זיין מוריד דמעות קען מען נישט. וואס ברויך מיר יא צו טוהן?

**נאר** אפילו עס שטייט אז רבי שמעון בן יוחאי האט אן הקפדה ווער עס וויינט ביומא דהילולא דיליה, איז פשוט אז דאס איז נאר א געוויין וואס טוט צושטערן די שמחה. אבער ווער עס וויינט מתוך הרהור תשובה - ער ווייסט אויף וואס ער ברויך תשובה צו טוהן, איז ער דאך מיט דעם נאר מקרב די גאולה. "אין ישראל נגאלים אלא בתשובה". בין איך זיכער אז רבי שמעון האט נישט קיין הקפדה אויף דמעות פון תשובה.

**דער** באשעפער זאל העלפן, אז אזא גרויסע טראגעדיע זאל כאטש ארויסברענגען דעם "במסתרים תבכה נפשי" (ירמיה יג, יד). לכאורה ווען מען הערט ל"ע א טראגעדיגע, ביי א לויה, וויינט מען דאך נישט "במסתרים", מען וויינט דאך אפענערהייט ברבים. איז וואס איז די בכיה וואס מען וויינט יא "במסתרים"? דאס איז די געוויין אויף עבירות און חטאים וואס מען טוט ליידער ביי זיך - הלואי זאל מען דאס נישט טוהן – און דאס פארציילט מען דאך נישט פאר דעם און יענעם, דאס בלייבט "במסתרים". און אויף דעם איז "תבכה נפשי". נאר איין באשעפער ווייסט דאס. דאס וואס מען וויינט ברבים איז אויך חשוב, אבער דאס וואס איז במסתרים, קיינער איז נישט דארט, מען איז אליין פאר זיך, מען לייענט קריאת שמע שעל המטה, און מען לאזט טרערן, דאס האט נישט קיין ערך.

**זאל** דער אויבערשטער העלפן "מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די", און מען זאל זוכה זיין צו מוריד זיין דמעות של תשובה, מיט דעם זכות

וועט מען מקרב זיין די גאולה שלימה, וואס דאס וועט זיין די נחמה פארן כלל ישראל און פאר אונז בתוכם. מען זאל שוין זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו, בביאת בן דוד במהרה דידן ברוב רחמיו וחסדיו.

הוצאת

אור תורה מונקאטש